STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02866

FLAKS

F. Schwartzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פלאַקס

דראַמע אין פיר אַקטן

פון

פ. שוואַרצמאַן

ניו יאָרק, 1927

COPYRIGHT, 1927,
BY
F. SCHWARTZMAN

איבערזעצן, איבערדרוקן אָדער אויפפירן אָן דער דערלויבעניש
פון פאַרפאַסער איז פאַרבאָטן.

פערזאָנען:

כאַנע — אַ מיטליעריקע פרוי.
מערי — איר טאָכטער.
יאַקאָוו — איר זון.
פאַני — אַ יונגע מיידל.
ספעקוליאַנט.
אָפגעריסענער אינגל.
יונגע מיידל.
צייטונג־פאַרקויפער.
ארבעטער.
אָפיצער.
פרוי.
קינדער:
פירער.
מוישעלע.
אַ אינגל.
יעמעליאַן.
רויטער ארמייער.
קאָמאַנדיר.
אן אָפיצער, לאַקייען, רייכע סאָכרים, אָרימע הענדלער, אָרימע לייט, ספעקולאַנטן, קינדער.

האַנדלונג קומט פאָר אין רוסלאַנד.

צייט — רוסישע רעוואָלוציע.

ערשטער, צווייטער און דריטער אַקט — אָנהויב רעוואָלוציע; פערטער אַקט — צוויי יאָר שפּעטער.

ערשטער אַקט

ערשטער אַקט

אַ צימער אין כאַנעס וואוינונג. סע זעען זיך שפּורן פון אַמאָליקער באַלעבאַטישקייט. אין הינטער־גרונד אַ טיר און צוויי פענסטער. אַ טיר אין דער לינקער וואַנט און אַ טיר אין דער רעכטער וואַנט. איבער די טירן אָפּגעריבענע פלושענע גאַרדינען. אפן דיל אַן אָפּגעריבענער טעפּיך. לינקס — אַן אַלטער פלושענער דיוואַן. אַביסל וויטער אַ שראַנק מיט ביכער. רעכטס — אַ סאָפע. אַביסל אין אַ זייט אַ קליינער טיש און ניט וויט פון טיש אַן אייזערן אויוועלע. אף די ווענט הענגען בילדער פון גאַאוינים און אַ פּאָר נאַטור־סקיצן. באַ די פענסטער אַף וואַזאָנע־טישלאַך, פאַרפרוירענע וואַזאָנעס.

ס'איז פאַרנאַכט. דורך די פענסטער זעט מען אַ שניי פאַלן.

כאַנע

זיצט באַם אויווועלע איינגעוויקלט אין אַ שאַל און וואַרימט די הענט מיטן אָטעם פון איר מויל.

נו, וואו נעמט מען אים?... וואָלט ער געווען, וואָלט ער עפּשער אַ ברעטל פון ערגעץ געבראַכט, וואָלט געווען מיט וואָס אַביסל זופּ אָפּצוקאָכן... אַז מע זעט אים גאָר אין שטוב ניט אָן!... שלעפּט זיך אַרום אין דער קעלט, דער רואַך־ווייסט־וואו, פון אינדערפרי ביז נאַכט!... טאָמער ווייסטו צו וואָס?... איינער זאָגט, — ער זוכט פּאַרנאָסע, אַ שטיקל ברויט צו פאַרדינען, ווער, וואָס!... מיריאַם!

מערי

זיצט אַף דער סאָפע איינגעוויקלט אין אַ טוך און איז פאַר־טיפט אין אַ בוך. באַוועגט זיך אומרואיק.

כאַנע

מיריאַם!... וואָס איז, ביזט טויב געוואָרן? הערסט גאָר ניט אַז איך רוף דיך? אוי, די ביכער, די ביכער!... דאָס בוך וועט ניט אַנטלויפן! נאָר בי־כער. מער פעלט דעם גאָר ניט, — פאַרגראָבט דעם

קאָפּ אין בוך און גיי רעד צו דעם!... איך רעד דאָך צו דיר, יאַקאָוו האָט ניט געזאָגט ווען ער וועט קומען?...

מערי

באָך אַ מינוט שווייגן, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

ניין!...

באַנע

קרימט זי איבער.

ניין!... קענסט גאָר אַ וואָרט ניט אַרויסריידן, ווייסט גאָר ניט פון עפּעס צו זאָגן... נעכטן דאָס לעצטע בענקל אויסגעהייצט און היינט וואָס טוט מען? און מאָרגן, און איבערמאָרגן וואָס וועט זיין?... זיפצט. עך, טאַטע זיסער, טוסטו אונדז, סע וועט נאָר אויסקומען, מיינע סאָנים, זיך אויס־ציען אינמיטן גאַס און אויסגיין ווי אַ ליכט... אַז קיין ברויט — ניט, און לעב — ניט, און שטאַרב — ניט! אפילע שטאַרבן לאָזט מען דאָך אויך ניט!... נאָר אַזוי, — צאַנקען, אויסגיין ווי אַ ליכט לאַנג־זאַם, מע זאָל דיך נאָכדעם אַרויסוואַרפן פאַר די הינט אין גאַס. וואָרים ווער דאַרף דיך דען האָבן?

די קינדער? און באַם לעבן דאַרף מען דיך, הערט מען דיך, פרעגט מען זיך ביי דיר אָן?

מערי

זיצט ווי פאַרגליווערט. הערט זיך איין און ענטפערט נים.

כאַנע

גייט צו צו דער טיר לינקס און קוקט אַריין צו מערין.
נאָך ניטאָ פאַני?... אַט איז באַ לייטן אַ קינד, — וואָלסטו זיך געמעגט אַראָפּנעמען אַ מוסער... אָבער וואָס זאָל איך טאָן, מיסטאָמע איז זי פון אַ שענערן איבעס ווי דו. צו לייטנס מאַזל קען איך זיך ניט גלייכן... גייט צו איר פריערדיקן פּלאַץ און זעצט זיך.
זע, אַט איז זי אויך אַ קינד, — איז זי שטיל, בעני־מעסדיק, ווי גאָט האָט געבאָטן. לערנט זיך גוט, גייט ניט וואוהין מען דאַרף ניט, מישט זיך ניט אין ערגעץ, האָט ניט אין זינען דער־רואַך־ווייסט־וואָס— עס־דע, עס־ער, באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס!... טאָמער ווייסטו וואָס מע דאַרף דאָס האָבן, צו וועלכע גוטע יאָר!... זיך איינשטעלן דאָס לעבן פאַר איוואַנען און סטעפאַנען!... אז איוואן איז אַ קנעכט, אַ פּאַנשטשעוניק, איז אים שלעכט אַ

יאָ?... פרייהייט דאַרף ער האָבן?... זעסט דאָך אַז ס'איז ניטאָ מיט וועמען... און ווער? מע זאָגט עמעצער! — אַזאַ שנעק זאָל דאָס שפּילן אַ ראָלע!..

מערי

ניט נאָר פאַר איוואַנען, פאַר אַלעמען... פאַר אַלע־מען קעמפן מיר. פאַר מיר, — פאַר דיר אויך.

באָנע

פאַר אַלעמען, ווער בעט דיך דען? ווער בעט פון דיר טויווס? פריער איז מיר שלעכט געווען, אַ? רעוואָלוציעס האָבן מיר געפעלט?...

מערי

נו טאָ פאַרוואָס שיקסטו מיר אויך ניט אין גימ־נאַזיע?...

באָנע

אין גימנאַזיע זאָל איך דיך שיקן! און ווען מע שיקט דיך וואָלסטו דען געגאַנגען? לערנען ליגט דיר זייער אין קאָפּ! אָט, — מאַרקס, לענין און

דער שוואַרץ־יאָר ווייס נאָך ווי מען רופט זיי דאָרט — דאָס ליגט דיר אין קאָפּ, — נאַרישקייטן, ווילדע גיינג, אָבער לערנען, קומען צו עפּעס א טאַכלעס — צו וואָס?

מערי

נו, אוואַדע, ווען איך גיי מיר יעדן טאָג אין גימ־נאַזיע, און לעב אַף דעם געלט וואָס דער טאַטע פאַרדינט אַף דער בירזשע פון פאַרשיידענע ספּעקו־לאַציעס, — דאַן וואָלט איך געווען א גוט קינד, א טייערס! א יאָ?...

כאַנע

אבי אויסטיינען קען זיך דאָס!... גיי בעסער, די כאַוויירים דיינע וואַרטן אַף דיר, מע דאַרף עפּעס א באָמבע צוגרייטן, אָדער עמעצן אופרייסן... אַלוואַי איך זאָל ליגן זאָגן, — וועסט זען וואָס ס'וועט אַרויסקומען פון דיינע מייסים!... געדיינק!...

מערי

ניין, וואָס דען האָסטו געוואָלט, איך זאָל זיצן אין שטוב און לייענען דעם „צאינה וראינה" און טאָן

וואָס אַלע „גוטע און פרומע לייט" הייסן ? .. קאַפּירן מיין עלטער־באָבע ?...

כאַנע

שטייט עס דיר ניט אָן, אַ ?... געפעלט דיר ניט דיין עלטער־באָבע ?

מערי

שטיין, שטייט דאָס מיר עפשער יאָ אָן, — אָבער לעבן אַזוי ווי זי האָט געלעבט, אַזוי ווי דו לעבסט — קען איך ניט. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען, — עפשער גוט, — אָבער פאַר היינט טויג דאָס ניט... דיין טוירע איז אונדז פרעמד... זי איז שעדלאַך פאַר אונדז ! ... אָט איז יאַקאָוו געגאַנגען אין דיינע וועגן, — זעסטו דאָך וואָס סע איז געוואָרן פון אים ! — ניט ער לעבט אין דער אַלטער וועלט, ניט ער פּאַסט פאַר דער נייער. אַ מעס, לעבעדיקערהייד געשטאָרבן... גייט אַרום אַ פרעמדער און קען זיך קיין אָרט ניט געפינען...

כאַנע

וואָס רעדסטו, וואָס ? ... אַז אָך־און־וויי מיר וואָס איך האָב גאַר דערלעבט אויף דער וועלט ! ...

מערי

ניין, ניט ריידן?... שווייגן! צוזען ווי ער צאַנקט, גייט אויס און — שווייגן. ניט זאָגן קיין וואָרט. און פאַרוואָס, ווען ער ברייגט ער נוצן מיט דעם? וואָס וויל ער?... אָבער דאָס ווייסט ער דאָך אַליין ניט קלאָר!... דאָס גריבלען זיך איז דאָך דער איקער!... דאָס אויסגעפינען דעם ס אַ ד, דעם ז י ן, דעם צ וו ע ק פון אַלץ איז דאָך די הויפּט זאַך!...

כאַנע

ציטערנדיק פון אויפרעגונג.

שטיל זאָל זיין!... דו הערסט? זאָלסט ניט וואגן דערמאָנען זיין נאָמען. אויב ניט, וועל איך דיר!... אַזאַ אומגליק אַף מיר אָנגעשיקט געוואָרן פון זיין ליבן נאָמען... פון וואָס איך האָב שטענדיק אָפּגע־לאַכט באַ יענעם, האָט גאָט אַף מיר אַליין אָנגע־שיקט!...

מערי

פאַרמאַכט דעם בוך און לויפט אַרויס אין צימער רעכטס.

כאַנע

אוי, גאָט, שטראָפסטו מיך!.. פאַרוואָס קומט עס מיר?...

וויינט שטיל.

מערי

קומט אַריין און האַלט זיך אין אָנטאָן איר ווינטער מאַנטל.

כאַנע

גייסט שוין, אַ?... לויפט צו צו דער טיר און פאַרשטעלט דעם אַרויסגאַנג. ווּעסט ניט גיין, זאָג איך דיר! וועסט ניט גיין!..

מערי

בעטנדיק.

לאָז מיך. איך בעט דיך, מיש זיך ניט!...

כאַנע

שטאַרק אויפגערעגט.

וועסט ניט גיין זאָג איך דיר!... איך וועל דיך ניט לאָזן!...

מערי

לאָז מיך. אז דו וועסט מיך ניט לאָזן וועט... דיר

דען עפּעס העלפן? איך קען ניט גיין אין דיין וועג... איך ווייס, דו קענסט מיך ניט פאַרשטיין. אָבער פאָדער איך דען דאָס פון דיר?... איך בעט דיך נאָר, שטער מיר ניט. לאָז מיך גיין מיין אייגע־נעם וועג!...

כאַנע

איך וועל דיך ניט לאָזן!... ניט מיט איר קאָל. פאַרשטיין קען איך דיך, עפשער, ניט. אָבער, אבער... איך וועל דיך ניט לאָזן!...

עס דערהערן זיך טריט. יאַקאָוו קומט אריין.

יאַקאָוו

איז אָנגעטאָן אין אָפּגעטראָגענע סטודענטן־קליידער. דאָס פּנים איז בײַ אים ניט ראַזירט. ער בלייבט שטיין בײַ דער טיר און ער קוקט — דאָ אויף כאַנען, — דאָ אויף מערין.

מערי

רוקט זיך אָפּ אין א זייט ווי זי וואָלט מוירע געהאַט פאַר אים.

יאַקאָוו

צו מערין.

האָסט דאָך ערגעץ געוואָלט גיין, טאָ פאַרוואָס גייסטו

ניט?... צו כאַנען. זאָל זי!... אז זי וויל גיין — זאָל זי!... ווידער צו מערין. גיי, מירעלע!...

מערי

גייט אַרויס. אַ שווער שטילשווייגן.

כאַנע

שלוכצט.

וואוהין האָסטו זי געלאָזט גיין, וואוהין?... זי וועט דאָך אומפאַלן... זי האָט דאָך היינט נאָך קיין טראָפּן וואַסער אין מויל ניט געהאַט!...

יאַקאָוו

לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און הייבט אָן אַרומשפּאַנען הין און צוריק...

עך, עך! ... ווייך. נו, זעסט דאָך, — אַ נייע וועלט היינט... וואָס קענסטו העלפן? אַ צייט אַזאַ... אַ נייער דאָר אויפגעשטאַנען... וויל ניט וויסן פון דער אַלטער וועלט מיט אירע געזעצן און מינהאָגים... וואָס פאַר אַ גליקלאַכע זיי זיינען!... צו כאַנען. לאָז זי גיין!... דו הערסט? — לאָז זי גיין. אַזוי לאַנג ווי זי האָט אַ וועג — לאָז זי גיין!...

כאַנע

וואָס פאַר אַ וועג, וואָס רעדסטו? ...

יאַקאָוו

איר וועג. אין דעם וועג וואָס זי גלויבט... דו פאַר־שטייסט עס ניט, אַז אַזוי לאַנג ווי זי אַליין פרעגט ניט — נאָר גייט און גלויבט, איז זי גליקלאַך... ווייל הייבט מען נאָר אָן פרעגן און גריבלען זיך — עה! ... מאַכט אַוועק מיט דער האַנט.

כאַנע

מיינע ווערטער, איך זאָג דאָך אויך, אַז געבענטשט איז נאָר דער וואָס האָט ביטאָכן און גלויבט!

יאַקאָוו

יאָ, די צאָרע איז נאָר, וואָס דו מיינסט, אַז דיין גלויבן איז דאָס איינציקע און דעריבער מוזן אַלע גלויבן אין דעם וואָס דו גלויבסט. אַך, די גלויביקע, די גלויביקע! ... זיי קענען זיך גאָר ניט פאַרשטעלן, אַז סע זאָל זיין נאָך אַ גלויבן וואָס זאָל האָבן עפּעס אַ ווערט... ס'פאַלט זיי גאָר קיינמאָל ניט איין: — עפשער איז מיין גלויבן ניט דאָס ריכטיקע, עפשער מאַך איך גאָר אַ טאָוועס און יענער איז גערעכט...

אַך, די זיכערקייט זייערע!... די טעמפּע, פאַנאַ־
טישע זיכערקייט!... ווי איך האָב זיי פאַר דעם!...
אָבער גוט איז זיי פּאַרט. גליקלאַכע זיינען זיי, —
גאַנצע מענטשן וויניקסטנס!... ניט ווי איך,
ווי איך!...

כאַנע

יאַקאָוו, וואָס רעדסטו?... דו?...

יאַקאָוו

יאָ, איך, איך!.. ווען איך בין געווען בלינד, —
פאַנאַטיש בלינד, פּונקט ווי איר אַלע — דאַן האָט
איר מיך פאַרשטאַנען דאַן האָט איר מיך ליב גע־
האַט!... איצט, איצט... — איך ווער דערשטיקט
צווישן אייך!... איך קען אייך אַלעמען ניט פאַר־
טראָגן!...

ער קרעכצט פון ווייטיק. הייבט אָן ארומלויפן הין־און־
צוריק, פריער האַסטיק, נאָכדעם לאַנגזאַמער, פּונקט ווי די
קויכעס וואָלטן אים אויסגעגאַנגען. ער בלייבט שטיין
ציטערנדיק פון קעלט און אויפרעגונג.

כאַנע

פאַרוקט זיך אין אַ ווינקל אַף דער סאָפע. מע זעט אַז זי ליידט איבער יאַקאָוון.

יאַקאָוו

אָטעמט אַף די הענט. אַ, ווי קאַלט!... ווי קאַלט סע איז... קוקט זיך ארום אין צימער. און דאָס לעצטע בענקל האָט מען נאָך דאכט זיך נעכטן אויסגעהייצט.

הייבט ווידער אָן ארומשפּאַנען. פּויזע.

כאַנע

אויסגעהייצט... די קעלט ציט דעם מארך פון די ביינער ארוים... און דאָס לעצטע ביסל קלייען שוין אויך אויסגעטרייסלט... איצט וועט אויסקומען צו זיצן און ווארטן ביז די נעשאָמע וועט לאנגזאם אויסגיין... נישקאָשע, די וואָס האָבן ווייניקער „פּרינציפּן״ לעבט זיך ניט אזוי!... זיי האָבן שוין אַלץ געננוג... זיי דרייען זיך די קישקעס אין בויך ניט איבער פון הונגער...

יאַקאָוו

יאָ, די וואָס האָבן ווייניקער פּרינציפּן, לעבט זיך אַלע מאָל בעסער...

כאַנע

הייבט זיך אויף און לאָזט זיך ארויסגיין. מאַכט אוועק אין איאוש מיט די הענט.

וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן, מיר זענען גוט געשטראָפט געוואָרן!...

גייט ארויס.

יאַקאָוו

זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל אַף דער סאָפע און פאַרטראַכט זיך.

און עפשער?... עפשער איז זי גערעכט? די וועלט, דאָרט, נעמט זיך ווינציק־וואָס צום הארצן וואָס איך דריי דאָ מיט דער נאָז אַף איר... און אז מיר וועלן פון הונגער קראַפּירן, וועט דאָס זיי אויך זייער ווייניק ארן... זיי דאָרט, האָבן דאָס גאַנצע לעבן, אין זייערע לאַפּעס פאַרכאַפּט, און איך זיץ און גריבל זיך, — וויל דערגיין וואָס ס'איז גערעכט און וואָס ס'איז אומגערעכט... זיי אַלע דאָרט גייט ניט אָן צי סע איז שיין, צי ניט; צי סע איז יושרדיק, צי ניין. זיי נעמען, זיי הערשן!... ניטאָ קיין מיטן. מוזט ווערן אַ כאַיע

פּונקט ווי אַלע, — אָדער דו מוזט אויפגעפרעסן ווערן פון זיי! ... הייבט אָן ארומלויפן הין־און־צוריק, שטאַרק אויפגערעגט, מיט אַמאָל בלייבט ער שטיין בײַ דער טיר לינקס און הערט זיך אײַן. נאָך נישטאָ... און זי, אָט דאָס גרויסע קינד, איז זי אויך דאָס, וואָס אַלע זיינען ? ...

א פּאַרמאַטערטער שלעפּט ער זיך צו צו דער סאָפע און פאַלט אַנידער.

פּאַני קומט אריין.

פּאַני

איז אָנגעטאָן אין אַ קורצן רעקל פון גראָען קאַראַקול און א היטל פון זעלבן סאָרט. זי איז פאַרשאָטן מיט שניי. פון איר יעדן ריר שפּריצט מיט יוגנט און פרייד. זי איז פול מיט לעבן. איר שטים קלינגט העל, קימאַט קינדעריש. גוטן אָוונט — יאַקאָוו! גאָר אַליין אין דער פינסטער ? ... שלעפּט אַראָפּ דאָס היטל און טרייסלט פון זיך אַראָפּ דעם שניי הויך, סאַראַ פראָסט! ... איר זענט געווען אין גאַס ? — ס׳איז אַזוי פריילאַך! ... מאַמעש פונקען פליען!

יאַקאָוו

שטייט ווי צוגעשמידט צום אָרט און קוקט אויף איר פאַרגאַפט.

פאַני

באַטראַכט יאַקאָוון.

וואָס קוקט איר אַזוי? וואַרט אַ מינוט!...

זי לויפט אַרויס אין צימער לינקס. אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום קומט זי צוריק מיט א ברענענדיקן ליכט אין האַנט. זי טראָגט א לאַנגע, ברוינע קלייד, געפּאַסט ענג צום קערפּער, און אַ טערקישע שאַלכל אַף די פּלייצעס. אַף דער בינע ווערט אביסל ליכטיקער. שאַטנס שפּרייטן זיך פונם ברענענדיקן ליכט אין אַלע זייטן.

יאַקאָוו

שטייט די גאַנצע צייט און קוקט נאָך פאַנין ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

פאַני

אָט אַזוי!.. שטעלט דאָס ליכט אַף אַ טישל. און איצט קומט אַהער און זעצט זיך. שלעפּט יאַקאָוון צו צו דער סאָפע. זיי זעצן זיך איינס אַקעגן אַנדערן. אָט אַזוי... זיי קוקן זיך אָן, אַ מינוט, שטיל. פאַני מאַכט „אַ צורע" און זיי צעלאַכן זיך. — יאַקאָוו שטיל און איינגעהאַלטן און פאַני — הויך און קלינגענדיק. נו, וואָס הערט זיך? וואו זענט איר ערגעץ היינט

געוועזן? שטיפעריש וואָס געזען?... הערט, האָבן מיר היינט געהאַט שפּאַס אין שול!... איך זאָג אייך, די וועלט האָט זיך געקערט. רוקט זיך צו נעענטער צו אים. אין דעם זעלבן צימער ווי מיר לערנען אין דערפרי, לערנט אַ גרופּע יונגע־לייט אין אָוונט. נו, מעסטאַמע שרייבן זיך די יונגע־לייט דורך מיט די מיידלאַך און לאָזן פּאַר זיי בריוועלאַך אין די ביינק. העלפט גאָט און עטלאַכע בריוולאַך פאַלן אריין צום דירעקטאָר אין די הענט. זאָלט איר שוין גאָר ניט פרעגן וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן!... קוקט אים אָן. וואָס זענט איר אַזוי טרויעריק? גייט, איר זענט אַ שלעכטער!... מאַכט אים „אַ צירע”. אַז מע קוקט אױף אייך קען מען מיינען אַז דער הימל איז שוין באַ דער ערד... אָט, — אָט, וועט זיך די וועלט איבערקערן...

יאַקאָוו

זי קערט זיך אָבער ניט איבער, די גוטע וועלט אונדזערע!..

פאַני

ווייס איך וואָס! דאָס האָט איר זיך אַלץ אַליין

איינגערעדט. איר טראַכט אוים אַף איר — אַף אונדזער וועלט! זי איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי איר זעט זי. ברעכט מיט אַמאָל אוים אין געלעכטער אָט האָב איך טאַקע געזען פריער, איידער איך בין אריינגעקומען אין שטוב, ווי אַ וועלט האָט זיך אי־בערגעקערט. כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!... דריי אינגלאַך האָבן זיך געשליטלט: איינער איז גע־זעסן אפן שליטעלע, איינער האָט געשטופּט און איינער האָט געשלעפּט. פּלוצים, איז דער וואָס האָט געשלעפּט שטיין געבליבן. דער אינגל פון הינטן האָט געגעבן אַ צו שטאַרקן שטופּ, דאָס שלי־טעלע האָט זיך אַ בויג געטאָן און דער יאַט וואָס איז געזעסן ווי אַ פּרינץ האָט נעבאַך געטאָן אַ באַץ גלייך מיט פּאָנים אין שניי אריין. כאַ־כאַ־כאַ! סע איז געווען אַזאַ ראָכמאָנעס צו צוקוקן!...

יאַקאָוו

שמייכלט.

פּאַני

אָט אַזוי, אַז איר לאַכט האָב איך אייך ליב.

יאַקאָוו

טאַקע, איר מיינט דאָס?...

פאַני

שטופּעריש.

ניין, איך מיין דאָס ניט! וואָס דען, זאָגט אַליין, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג, זיך אָנזעצן אויף דער וועלט און האַלטן זי אין איין באַקלאָגן!... זי האָט דאָס, אָסער, ניט פאַרדינט מע זאָל קלאָגען אויף איר אַזוי לאַנג ווי זי שטייט נאָך!...

יאַקאָוו

קלאָגן?... איר רופט דאָס אָן קלאָגן!... ווען אַ מענטשן ווערט צעפּלאַצט די גאַל פאַר ביטערניש, ווען אַ מענטש שפּרינגט פון זיין אייגענער הויט אַרויס — רופט איר דאָס אָן קלאָגן?...

פאַני

נו, שאַ, שאַ. רופט עס אָן ווי איר ווילט אַליין. אָבער זאָגט מיר, — איר וועט ניט ווערן באַרויגעס? — וואָס ווילט איר? וואָס פעלט אייך?... די וועלט איז פאַרדאָרבן, שמוציק? — גוט, איך שטים מיט אייך איין. נו און וואָס טוט איר אַז אייער לעבן זאָל זיין אַנדערש פון די אַלע אַרום אייך?... איר טוט גאָר ניט, איר גייט אַרום און ליידט, איר

פילאזאפירט, און פון דעם קען זיך גאר ניט ענ־
דערן!...

יאַקאָוו

יאָ, טיילווייז איז דאָס עמעס. איך טו גאָר ניט.
אָבער קענט איר דען איינעם וואָס טרינקט זיך,
וואָס איז אַראָפּגעשווינקט געוואָרן פון דעם אויבער־
פלאך באַשולדיקן אין דעם, וואָס ער שווימט ניט
ארום אויבען?... אמאָל האָב איך געהאַט אַ גאָט.
איך האָב געהאַט צוליב וואָס צו לעבן אויף דער
וועלט... איך האָב געהאַט פאר וואָס צו קעמפן,
— איצט איז מיר אַלץ איינס... דער אַלטער גאָט
ליגט אַ צעבראָכענער און קיין נייעם גאָט האָב איך
ניט... און דאָ קומט דאָס, וואָס מע רופט אָן
לעבן, נעמט דיך אָן פארן גאָרגל און שלעפּט דיך
אַראָפּ צו זיך!... און אופהייבן זיך, אופהייבן זיך
איבערן אָפּגרונט איז ניטאָ קיין קויאַך... סע פעלט
די גאַנצקייט, די זיכערקייט. די גאַנצקייט נאָך עפּ־
שער מער ווי די זיכערקייט, — ווייל אַז דו ביזט
אַ גאַנצער מענטש קומט די זיכערקייט שוין בע־
מיילע!... פּויזע. אָט גיסטו זיך אַ הייב — און
אָט פאַלסטו צוריק... ווערסט דערשטיקט פון דער

קלענסטער געמיינהייט וואָס ווערט אַרום דיר באַ־גאַנגען, און — אין דער זעלבער צייט ביזטו צו־געוואַקסן צו דער ערד און טרינקסט זיך אין גראָ־שענער קליינלאַכקייט... און דאָס איז אַזוי... פּיינ־לאַך !...

פאַני

צערטלט זיינע הענט.

אָרימער אינגל. די צאָרע מיט אייך איז, וואָס איר טראַכט צופיל. אַלץ מוזט איר פאַרשטיין און אַלץ מוזט איר דערגרונטעווען !... איר זענט אויסגע־וואַקסן אין אַ מאָדנער אַטמאָספערע. מאָדנע מענטשן זענט איר... איר לעבט ניט אייער לעבן, — ווי איך, ווי אַלע מענטשן, נאָר איר פילאָזאָפירט דאָס... פון קינדוויים אָן ווערט איר אויסגעשטעלט צו אַ נוצלאָזן קאַמף — מיט זיך און מיט דער נאַטור. און די נאַטור, נאַטירלאַך, וויל דאָס ניט ליידן, איז דער סאָף, אַז איר וואַקסט אויס צעריסענע מענטשן מיט קראַנקע נעשאָמעס און איר שוועבט אַרום, צווישן הימל און ערד.

יאַקאָוו

איך ווייס דאָס... און איך קען דאָס ניט פאַרטראָגן...
איך וואָלט געוואָלט לעבן, — נאָר איך קען ניט.
איך וויל לאַכן, טאַנצן, פרייען זיך, — לעבן פּונקט
ווי אַלע מענטשן — נאָר איך קען ניט... איך בייזק
נאָך דעם, איך רוף דאָס... און אַז סע קומט, —
שטיי איך ווי אַ נעכטיקער און... איך קען ניט...
ווי איבער אַ פאַרשאָלטענעם, הייזגט שטענדיק אי־
בער מיר אַ שטים, וואָס שרייט און לאַכט.
פאַרשטעלט זיך די אויערן. דו ווילסט לעבן?...
ווייסטו ניט דעם ווערט דערפון?... ווייסטו ניט
וואס פון דעם ווערט?... לעבן רופסטו דאָס? —
מאָרגן וועט דאָס אַלץ זיין פאַרגעסן, טויט... און
און אַליין וועסטו אויך מאָרגן זיין פאַרגעסן, אַלט,
צעבראָכן און דאַן... כאַ־כאַ־כאַ — פאַרגעסן!...
אַ לאַנג שטילשווייגן, זיי זיצן ביידע ווי פאַרגליווערט.

פאַני

נו, גענוג!... *הייבט זיך אויף און שפּאַצירט אַרום.*
שטעלט זיך אָפּ באַם פענצטער און קוקט אַרויס. קומט
אַהער, יאַקאָוו!... *נעמט אים בײַ אַ האַנט און פירט*

אים צו צום פענצטער. זעט! ס'אַראַ בלויקייט!... נעמט אַפּאַנים אַ ריכטיקער פראָסט!... קוקט אַף זײַנע קליידער. אייך איז קאַלט?

יאַקאָוו

שאָקלט מיטן קאָפּ אַף — ניין.

פאַני

ליגט אַרויף אַ האַנט אַף זײַן פּלייצע און ביידע קוקן אַרויס אין גאַס.

ווי שיין!... און וויפיל קראָען!... שוואַרצע קראָען, ווייסער שניי און בלאָע נאַכט!... סע הערט זיך דאָס קלינגען פון גלעקלאַך. נו, זאָגט, לוינט זיך ניט צו לעבן?... אפילע נאָר צוליב דעם אַליין, לוינט זיך צו פאַרגעסן אין אַלץ!... וואָס זענען ווערט די אַלע פילאָזאָפיעס און ריידערייען קעגן איין נאַכט אַזעלכער?... דריקט זיך צו אים. פאַרגעסט!... סע לוינט זיך!..

פאָרהאַנג.

צווייטער אַקט

צווייטער אַקט.

אַ גאַס. לינקס, — אַ רויטע, דריי־גאָרנדיקע געביידע, — אַ האָטעל. אַלע פענצטער זענען העל באַלויכטן. הינטער דעם האָטעל זעט זיך אַ קלויסטער. רעכטס, — א קאַפע. איין וואַנט פון דער קאַפע פאַרשטעלט פון פובליקום, וואָס סע טוט זיך אינוויייניק. ווייט אין הינטערגרונט ווערט פארלוירן אַ גאַס. שטיבער און מויערן זענען איבערגעמישט אין כאַאָטישן סטיל. מענטשן זענען אין באַוועגונג. רייך־געקליידטע שפּאַצירן אַרום און פאַרשווינדן אין דער קאַפע. אָרימע הענדליער מיט קוישן אן מיט פעק שמאַטעס פּרובירן פאַרקויפן זייערע זאַכן.

ביסלאַכווייז ווערט די גאַס לוידיק. סע בלייבט נאָר איין פאַרשפּעטיקטער הענדלער וואָס גייט אויך באַלד אַוועק. ווען דער לעצטער הענדלער פאַרשווינדט הייבן די גלאָקן אָן צו קלינגען אין קלויסטער; די פאָדערשטע וואַנט פון דער קאַפע ווערט צענומען פון צוויי לאַקייען אַזוי, אַז מע קען פון זאַל זען וואָס סע טוט זיך דאָרט.

די קאַפע איז פול מיט מענטשן. אין דער לופט שטייט אַ געדיכטער סיגאַרן רויך, אַלע ריידן און טומלען.

יאַקאָוו

שטייט ווי אַ שאָטן אָנגעשפּאַרט אין אַ פּלויט געגנאיבער דעם קלויסטער. אַ ווײַלע איז שטיל.

שווער צו מאַכן דעם ערשטן טראָט... און דאַכט זיך אַזוי פּאַשעט!... קען נאָך עפּעס זיין אַיינפּאַ־כער, ווי טאָן דאָס וואָס אַלע טוען?... מענטשן ווילן לעבן, — קומען זיי אהער האַנדלען... ווער מיט דימאַנטן און ווער — מיט טרוקענע שטיקלאַך ברויט; ווער מיט גאָלד־שטיקער און ווער — מיט זיין אייגען לייב... און ווער — מיטן בלוט פון זיין האַרצן!... איינער האַנדלט, ווייל ער וויל פון הונגער ניט קראַפּירן, און אַן אַנדערער ווייל ער זוכט דאָס, וואָס מענטשן האָבן אָנגערופן „גליק"!... און אייגנטלאַך וואָס איז דער כילעק?... ווילסטו ניט האַנדלען מיט קיין דימאַנטן — ועסטו זיין געצוואונגען צו האַנדלען מיט דיין לייב!... און דאָך, דאָך איז אַזוי שווער!... אַזוי שווער צו טאָן דאָס, וואָס אַלע טוען... זיפצט. עך, עך, שלעכט, אַז מע ווערט ניט געבוירן דאָס וואָס אַלע זענען!... אָבער דאָס איז נאָר פון אָנהייב אַזוי, — שפּעטער געוואוינט מען זיך צו. אַלע זאָגן דאָך אַזוי: „מע

געוואוינט זיך צו!“... און פאַרוואָס זאָל איך עפּעס זיין אַנדערש פון אַלעמען? אַלע האָבן אַלטע מאַ־מעס און פּאַניטשקעס, צי עמעצן אַנדערש דאָרט, וואָס וואַרטן אַף זיי, אין דער היים, וואָס בעטן זיך באַ זיי: אַביסעלע גליק, נאָר אַביסעלע... איז וואָס, אַז מע איז מאַקדיוו אַביסל פון די אינגלישע באַלוימעס וועגן „אידעאַלן“!... פּכע, אידעאַלן, אויך מיר אַ סכוירע היינטיקע צייטן!... ווער דאַרף דאָס האָבן?... אַ מאַרק וועט דען דיר עמי־צער געבן פאַר דעם?... צו זיך. נו, קום, ברודער־קע, סע וועט זיך דיר באַצאָלן. וויפיל גליק און ליבע מע קען קריגן פאַר יעדער מאַרק!... ער מאַכט אַ באַוועגונג ווי ער וואָלט זיך לאָזן גיין, אין דער מינוט עפנט זיך די טיר פון דער קאַפע און סע קומט אַרויס אַ ספּעקוליאַנט. יאַקאָוו בלייבט אַף זיין אָרט.

ספּעקוליאַנט

אַ מאַן אין די מיטלע יאָרן. טראָגט אַ פיינעם פוטער־נעם מאַנטל. פאַררויכערט אַ סיגאַר

אָפּגעריסן אינגל

קומט אַריין.

אָפּגעריסן אינגל.

צום ספּעקולאַנט.

בירגער, שיינקט אַף אַ שטיקל ברויט!...

ספּעקוליאַנט

קוקט זיך ניט אום אַף אים.

אָפּגעריסן אינגל.

בירגער, שיינקט אַף אַ שטיקעלע ברויט! איך האָב שוין פיר טעג גאָרניט ניט געגעסן!

ספּעקוליאַנט

אויפגערעגט.

אוועק, שלעפּערס!... די גאַס לאָזט עס ניט דורכ־גיין...

אָפּגעריסענער אינגל דערשרעקט זיך און לויפט אוועק.

פון הינטער דעם קלויסטער קומט אַרויס אַ יונגע מיידל.

יונגע מיידל

נאָך קימאַט אַ קינד. איז אָנגעטאָן אין צעריסענע קליי־דער און צעדרייטע שיך. זי ציטערט פון קעלט; שלייכט

זיך שטיל צו צום ספעקוליאַנט און נעמט אים אָן פאַר אַן אַרבל; קוקט זיך אַרום אין שרעק.

בירגער, קומט! קומט מיט מיר...

ספעקוליאַנט

אַוועק דו שליוכע, צויגענע טעכטער וואָס איר זענט!... זוך עמיצן אַנדערש דעם בייטל אַרויס צו נעמען...

יונגע מיידל

מיט שרעק.

איך בין ניט אַזעלכע, בירגער!...

ספעקוליאַנט

מע קען אייך, מע קען אייך!!...

יונגע מיידל

איר מאַכט אַ טאָעס, בירגער, איך בין אַן ערלאַך קינד... צען מאַרק... דער דיאַקאָן פון קלויסטער קען מיך... פאַר צוויי מאַרק לאָזט ער אַריין אין פאַר־הויז... איך מיין אייך ניט צו באַגאַנוועגען. דאָס איז בא מיר ערשט דאָס צווייטע מאָל, ניטאָ וואָס

צו עסן... זי נעמט שטייפער אַרום זיין אָרעם און דריקט זיך צו אים.

ספּעקוליאַנט

נעמט זי אַרום.

צען מאַרק זאָגסטו ?... מיט אַ כּאַניפע. אויפּעלע דו מיינס ! ערשט דאָס צווייטע מאָל אַ ?... קוקט זיך אַרום. קיינער קומט ניט ?... וואו אין קלויסטער זאָגסטו ?... קום !...

יונגע מיידל

באַצאָלט פריער.

ספּעקוליאַנט

ע, דאָס פייגעלע וויל אוועק פליען !... פּופּציק מאַרק, הונדערט מאַרק קריגסטו!... נעמט זי שטאַרק אַרום. דאָס צווייטע מאָל האָסטו געזאָגט ?...

סע דערטראָגט זיך אַ טומל פון וויטן. עטלאַכע באַרוועסע אינגלאך קומען צולויפן מיט פּעק צייטונגען און לויפן אריין אין קאַפע מיט אַ ראַש. דאָס מיידל דערשרעקט זיך, רייסט זיך אַרויס פונם ספּעקולאַנטס הענט און אַנטלויפט. דער ספּעקוליאַנט בלייבט שטיין מיט צענעמענע

הענט אוין קוקט נאָך אַהין וואו די מיידל איז פאַר־
שוואונדן.

צייטונג־פאַרקויפער

אין קאַפע.

קיעוו פאַרנומען פון די קאָמוניסטן!... פוילישער
מאַרק פאַלט!... פראַנצויזישער מאַרק — ווערט־
לאָז!... הונדערט טויזנט „קערענקעס“ פאַרן דאָ־
לאַר!... גרויסע שלאַכטן קומען פאָר אַפן דניעפּר!...

אין קאפע שטייגט דער טומל. פון גאַס קומט אָן אַן
ארבעטער.

אַרבעטער

קומט צו צום ספעקוליאַנט און דערלאַנגט אים
אַ געעפנט צירונג־קעסטעלע.

קויפט דאָס, ס'איז עמעסדיק גאָלד, זעקס־און־פופ־
ציק די פּראָבע!...

ספּעקוליאַנט

שטופּט אים אָפּ.

ווער דאַרף דאָס, ווער קויפט היינט אַזעלכע שמאַ־
טעס?...

פון קאפּע הערן זיך קולעס: הונדערט־צוואַנציק־טויזנט דעם דאָלאַר!... הונדערט־דרייסיק־טויזנט דעם דאָלאַר!... און אַ סך שטימען כאַפּן אונטער: הונדערט־דרייסיק־טויזנט... הונדערט־דרייסיק־טויזנט!...

ארבעטער

וויפיל איר וועט געבן... קויפט דאָס, איך בעט אייך, מיין פרוי און קינדער גייען אויס פון הונגער...

ספּעקוליאַנט

דרייט מיט'ן קאָפּ אָפּ — ניין.

ארבעטער

אָבער...

ספּעקוליאַנט

אַ מאַרק ניט. אויפגערעגט. וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף אונדז?... איר שטאַרבט פון הונגער? נו, ווער איז אייך שולדיק? געוואָלט אַ רעוואָלוציע — האָט איר!...

ארבעטער

בירגער!...

ספּעקוליאַנט

וואַרט כאָטש אַביסל, ביז דיינע קאָמוניסטן וועלן קומען, — דאַן וועסטו קענען ראַבעווען, — נעמען אַלץ וואָס סע וועט דיר געפעלן... דערווייל קען איך אייך ניט... אַפילו אַ מיסעמעשונע נעמט איין אַלע אינאיינעם!...

סע קומען אָן צוויי שיקערע אָפּיצערן.

אָפּיצער

עי, זשידעס, פון וועג אַוועק!...

ספּעקוליאַנט

צום אַרבעטער.

אַוועק פון וועג, לאָז די פּאַנעס דורכגיין!...

אָפּיצער

לאָז די פּאַנעס דורכגיין!... פּאַנעס!... פּאַנעס, ניט כאַזיירים, נאָר — פּאַנעס! דו הערסט, דו מיסער זשיד? — פּאַנעס!... צום אַרבעטער. אַנו, וואָס האָסטו דאָרט?... ווייז נאָר דאָס אַהער!

אַרבעטער

וויל באַהאַלטן דאָס קעסטעלע.

ספעקוליאנט

צום ארבעטער.

גיב דעם פאן דאס פינגערל! דער פאן וויל דאס פינגערל! וואס באהאלטסטו דאס וואס?...

אפיצער

מיט רעציכע צום ארבעטער.

אהער גיב, זאג איך דיר!...

ארבעטער

גיט דעם אפיצער דאס קעסטעלע. צום ספעקוליאנט.

גאזלען!... גאזלאנים, דעם ביסן ברויט גאנוועט איר בא אונדז פון מויל ארויס... דעם לעצטן טראפן בלוט זויגט איר בא אונדז אויס!... פאר אונדזער בלוטיקער הארעוואניע באדט איר זיך אין לוקסוס! פארקוועטשט די קולאקעס אין צארן. מע זעט, אז סע קומט אים אן שווער זיך צו קאנטראלירן. נאכדעם דרייט ער זיך אויס און אוועקגייענדיק, דראעט ער. ווארט! סע וועט קומען אייער סאף!

פארשווינדט.

ספּעקוליאַנט

צום אָפּיצער.

ריינער גאָלד, פּאַן. זעקס־און־פופציק די פּראָבע.
קומט אריין, פּאַן, קומט אריין אין קאַפּע!

די אָפּיצערן שלײדערן דעם ספּעקוליאַנט אָפּ אין אַ זייט און גייען אריין אין קאַפּע. דער ספּעקוליאַנט גייט זיי נאָך.

יאַקאָוו

איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין זיין ווינקל אומבאַ־וועגלאַך. קומט ארויס.

וואַרט, וואַרט האָט ער געזאָגט!... וואַרט אַף וואָס?... אַף אַ נעס? קיין ניסים טרעפן ניט היינ־טיקע צייטן. היינט איז דאָס איינפאַכער: ביסטו שטאַרקער, האָסטו מער געלט, מער מאַכט—ביסטו אַפן פערד. אויב ניט — רייט יענער אַף דיר. קיין צווישן איז ניטאָ. מוזט אויסקלייבן: אָדער אַהין, אָדער אַהער. אָדער דו ליגסט איינגעשפּאַרט דאָרט אין דער גאַס פון אָרימקייט, מיט די באַ וועי־מען די אויגן קריכן ארויס, באַ וועמען די בייכער זיינען פון הונגער געשוואָלן; אָדער, שרייט פון

וויטאַק דאָ, אהער קום!... דאָ וואַרט אױף דיר אַ וועלט מיט רייכטום, מיט גאָלד, מיט די טייערסטע מאכאַלים, מיט יונגע מיידעלאַך, מיט... פּויזע. איי אױף ווי לאַנג? — נו, וואָס איז דער כילעק אױף ווי לאַנג?... איצט לעבסטו? — געגנום וויפיל דו קענסט!... ניט אַזוי, אַ?... פארגייט זיך אין היסטעריקע.

סע עפנט זיך די טיר פון האָטעל און צוויי לאַקייען וואַרפן פון דאָרט ארויס אַ פרוי. די לאַקייען בלייבן שטיין אױף ביידע זייטן טיר מיט צענויפגעלייגטע הענט.

פרוי

איז זייער מאָדנע אָנגעטאָן: איין זאַך פּאַסט ניט צו דער צווייטער. פון אונטער דעם קורצן קליידל קוקן ארויס צוויי גרויסע, ווייסע שיך און זאָקן, וואָס גיבן איר אַן אומגעלומפּערטן אויסזען. זי איז שיקער. פרו־ בירט זיך ארייגרייסן צוריק אין האָטעל.

פאַרוואָס וואַרפט איר מיך אַרויס?... דאָרט איז דאָך מיין געליבטער, מיין איינציקער, מיין פרייד, — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט... לאָזט מיך אַריין צו אים! די לאַקייען שטויסן זי אָפּ צוריק אָבער

פּאַרוואָס וואַרפט איר מיך אַרויס?... איך האָב דאָך אים אַזוי ליב!... און ער מיך האָט דאָך אויך ליב!... דאָס האָט ער אייך געהייסן מיך אַרויס־וואַרפן? — סע קען ניט זיין, ער איז דאָך אַזאַ טייערער, — אַ פּרינץ! בעט זיך. לאָזט מיך אַריין צו אים! זי פּרובירט זיך ווידער אַריינרייסן אין טיר, נאָר די לאַקייען שטויסן זי אָפּ צוריק. זי פאַלט אום, ליגט אַ ווײַלע און הייבט זיך אויף. לאָזט איר ניט?— איז ניט... זאָגט אים דאָרטן, מיין פּרינץ, אַז באָטש ער האָט מיך אַרויסגעוואָרפן, האָב איך אים אַלץ ליב!... טאַנצט און זינגט:

איך האָב אַ פּרינץ,
מיין געליבטער איז אַ פּרינץ.
איך בין אַ פּרינצעסן,
ווייל איך האָב אַ פּרינץ...

מיט אַ גראָב, שיקער קאָל.

אַ פּרינצעסן, נאָר אַרויסגעוואָרפן האָט מען מיך!... אַן אַרויסגעוואָרפענע פּרינצעסן!... וויינט. פאַר־דאַמטער הונט!

יאַקאָוו

קומט צו צו איר און נעמט זי אָן פאַר אַ האַנט.

קום מיט מיר, פרינצעסן! איך בין אויך אַ פרינץ. מיך האָט מען אויך אַרויסגעוואָרפן... ביידע זענען מיר אַרויסגעוואָרפענע. ניטאָ קיין פלאַץ פאַר אונדז צווישן זיי!...

פירט זי אַפּ צו דער גאַס צו. סע קומט זיי אָן אַקעגן אַ גרופּע מאַרשירנדיקע קינדער. פאַרויס גייט איינער און קלאַפּט אַף אַ טשוויניק; די קינדער גייען נאָך צום טאַקט.

די פרוי פאַרשווינדט און יאַקאָוו בלייבט קוקן אַף די קינדער.

פירער

שטיין!

אַלע בלייבן שטיין.

פירער

פריי זיין!

די קינדער צעלויפן זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען און זאַמלען זיך צוריק צונויף אַרום זייער פירער.

פירער

איצט לאָמיר זיך שפּילן. מיר אַלע וועלן זיין די

רעוואָלוציאָנערן און מוישעלע וועט זיין דער פּאַ־רעטער.

מוישעלע

איך וויל ניט זיין קיין פּאַרעטער!

פירער

צו אַן אַנדער אינגל.

זיי־זשע דו דער פּאַרעטער!

אינגל.

איך וויל ניט!

פירער

נאַרעלע, סע איז נאָר אף קאַטאָוועסן.

אינגל.

אַז איך וויל ניט זיין קיין פּאַרעטער אפילו אַף אַ קאַטאָוועס!

פירער

אַלע מאָל צו אַן אַנדער אינגל.

וועסטו זיין? דו? דו? דו?

אַלע

שרייען.

מיר ווילן ניט זיין קיין פאַרעטער!... מיר ווילן ניט זיין קיין פאַרעטער!...

פירער

וועלן ניט זיין קיין פאַרעטער, אַלע וועלן מיר זיין רעוואָלוציאָנערן!

מוישעלע

און לאָמיר מאַרשירן, ווען מע גייט, פילט מע ניט, אַז מע איז הונגעריק.

אַלע

לאָמיר מאַרשירן!... לאָמיר מאַרשירן!...

פירער

שטעלט זיך אין ריי!

קינדער שטעלן זיך אויס צו צוויי אין אַ ריי.

פירער

גיין!

קינדער הייבן אָן גיין און זינגען:

מיר זענען קינדער אַלע גלייבע,

מיר זענען אַלע איינס פּאַר איינס;
ניטאָ קיין אָרימע, קיין רייכע —
מיר בויען אונדזער וועלט אַליין.

זאָלן לעבן די קינדער,
זאָלן וואַקסן גאַנץ גרויס
צו שאַפן, צום בויען —
מיט לידער גייט פאָרויס!

דריטער אַקט

דריטער אַקט

בינע ווי אין ערשטן אַקט.

יעמעליאַן

אַ הויכער, געזונטער סלאַוו אין ארבעטער־קליידער. שפּאַציִרט ארום הין־און־צוריק, די הענט פארלייגט אף הינטן.

מערי

זיצט אף דער סאפע.

יעמעליאַן

שטעלט זיך אָפּ לעבן מערין.
הייסט דאָס, אַז סע איז באַשלאָסן?

מערי

קאַלט.
יאָ, באַשלאָסן.

יעמעליאַן

הייבט ווידער אָן ארום גיין, שטאַרק פארטראכט, נאָכדעם בלייבט ער ווידער שטיין.
און איר וועט עס דורכפירן?

מערי

יאָ, איך און סאשאַ... אזוי ווי סע איז באַשלאָסן געוואָרן. באַפעלנד. זיצט!

יעמעליאַן

זעצט זיך.

מערי

איר זענט קעגן דעם גאַנצן פּלאַן!... איר האָט עס ניט געזאָגט, אָבער איך וויים דאָס. איר האָט פאָרגעשלאָגן מע זאָל דאָס דורכפירן אַפּליינג אף עטלאַכע טעג און דאַן וואָלט שוין, ווארשיינלאַך, געוועזן צו שפּעט.

יעמעליאַן

נאָך אַ קורצן שווייגן.

יאָ, דאָס איז עמעס.

מערי

איך דערקען אייך פּאַשעט ניט.

יעמעליאַן

און איך קוק אמאָל אף אייך, — דער קליינינקער, שוואַכער, אידישער מיידעלע, און פארשטיי ניט,

פון וואַנען עס נעמט זיך צו אייך אַזוי פיל מוט און אַנטשלאָסנקייט...

מערי

יעמעליאַן, זייט אָפנהערציק!

יעמעליאַן

די לעצטע צייט ווער איך משוגע פון ספּייקעס... איך קען דאָס אַליין ניט דערקלערן, אָבער סע האַלט מיך אין איין מאַטערן. טויזנט מאָל זאָג איך זיך: סע קען אַנדערש ניט זיין. איצט איז מילכאָמע. און דאָך מאַטערט עס מיט... מיר צושטערן און מאָרדן מיט אַזאַ קאַלטער אויסגערעכנטקייט, אַז סע כאַפּט אַזש אָן אַ גרויל. אַט בין איך פריער געזעסן באַם מיטינג און זיך איינגעהערט אין אייער באַריכט. אייער פּלאַן איז מע זאָל אויפרייסן די גאַנצע געביידע... סע וועלן אומקומען עטלאַכע צענדליק אומשולדיקע מענטשן... דערביי אַזאַ קאַלטע אויסגערעכנטקייט, — דער טייוול אַליין וואָלט דאָס בעסער ניט געקענט...

מערי

דאָס איז דער איינציקער מיטל, וואָס קען האָבן אַ

ווירקונג... זיי פאַרשטייען ניט קיין אַנדער שפּראַך, ווי נאָר די שפּראַך פון בלוט, דאַרף מען מיט זיי ריידן אַף זייער שפּראַך... איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס ווערט געטאָן, קעדיי אָפּצושטעלן דעם טעראָר, און דאָס איז דאָס איינציקע מיטל, וואָס קען ווירקן אַף זיי... גלייבט מיר, אַז מיר איז דאָס אויך שווער, אָבער וואָס קען מען טאָן — די זאַך פאָדערט דאָס, דאַרף מען זיך שטאַרקן!

יעמעליאַן

יאָ, מע דאַרף זיך שטאַרקן...

מערי

איך פאַרשטיי אייך, יעמעליאַן. סע איז פיל שווערער צו זיין אויסגעהאַלטן צווישן גאַנצע שטאַרקע מענטשן, ווי צווישן פּאַכדאָנים. ווען איר לעבט צווישן אומבאַהאָלפענע, שאָפלדיקע פּאַכדאָנים, וועט איר טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַבי ניט צו זיין ווי זיי...

יעמעליאַן

וואָס מיינט איר?

מערי

וואָס איך מיין? — איך ווייס דאָס אייך ניט געננוי ווי צו דערקלערן. אָבער... איך מוז זיין שטאַרקער פון אייך. איר האָט אייערע וואָרצלען אין דער ערד און איך — אין דער לופטן. אייער טאַטע איז אַ פּויער, מיין טאַטע — אַ קרעמער. ווייסט איר וואָס דאָס מיינט?

יעמעליאַן

איך פאַרשטיי אייך ניט. איר מיינט ניט צו זאָגן, אַז די שטאַרקייט בא אייך איז אַן ארויפגעצוואונגע־נע? אַ פּאָזע אזא, מיט וועלכער איר ווילט פאַר־דעקן אייער פאַבראָנעס?...

מערי

ניין, דאָס זיכער ניט. אָבער איך דאַרף זיין שטאַר־קער פון אייך. די געפאַר זיך אויסצוגליטשן איז באַ מיר פיל גרעסער ווי באַ אייך.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און יאַקאָוו קומט אריין. בעאיים די טיר עפנט זיך רייסט זיך אריין אין הויז אַ שטורם.

יאַקאָוו

שטיל.

גוטן אָוונט!

מערי

גייט אים אַקעגן.

אָ, דאָס ביסטו? גוטן אָוונט!... כאַוואַער יעמע־ליאַן, באַקענט זיך—דאָס איז מיין ברודער, יאַקאָוו.

יעמעליאַן

גיט יאַקאָוון די האַנט.

פרייט מיך אייך צו קענען.

יאַקאָוו

גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

יעמעליאַן

נו, איך דיינק, אַז סע איז צייט איך זאָל גיין.

נעמט זיך אַנטאָן.

מערי

אינדרויסן איז אַזאַ ווינט!

יעמעליאַן

דאָס איז גאָרניט. מיר זענען געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. אַ גוטע נאַכט!

מערי

אַ גוטע נאַכט. פאַרגעסט־זשע ניט — מאָרגן...

יעמעליאַן גייט אַרויס. דער ווינט גיט זיך ווידער אַ רייס אַריין אין הויז. שטיל. יאַקאָוו שפּאַנט זיך דורך עטלאַכע מאָל איבערן צימער און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן דיל נעבן דער סאָפע.

מערי

קומט צו און גלעט אים שטיל.

נו, וואו ביסטו געווען? וואָס טוסטו?...

פאַני

שווייגט.

מערי

ביסט אַזוי בלאַס! דרייסט זיך נאָך אַלץ אַרום אויפן מאַרק פון מענטשלאַכן בראָכוואַרג?...

יאַקאָוו

יאָ. איך קום פון דאָרט. און ווייסטו, וואָס איך

האָב דאָרט געטאָן?... איך האָב געפּרובירט צו ווערן אַזוי ווי זיי... איך האָב פּרובירט צו ווערן אַ „מענטש“, אַ „פיינער יונגערמאַן“, אַ סויכער... אָבער כ'קען ניט. איך וועל שוין בעסער פון הונ־גער קראַפּירן, איידער ווערן איינער פון זיי!... איידער לעבן פון געלט, פון וועלכן סע טריפט בלוט, פון וועלכן סע שטינקט מיט מענטשן־שווייס!... וואָלסט דארפן זען, ווי מיט מענטשן־לייב מע האַנדלט! — ברוסטן, זעכצן־יאָריקע—צען מאַרק; צוואַנציק־יאָריקע — פינף מאַרק; און אַף עלטערע זענען שוין קיין קוינים ניטאָ. — צופיל פרישע סכוירע אין מאַרק פאַראַן... און דערביי נאָך מיט אַ שמייכל און מיט אַלע היילּיקע אַף די ליפּן... ווע־רים! ערגער ווי ווערים, גליטשיקע, קריכן זיי איינס אַף דעם אַנדערן און פרעסן זיך לעבעדיקער־הייד... בררר!... און וואוהין, וואוהין אַנטלויפט מען פון דעם אַלעמען? וואוהין?...

מערי

לויפן? — לויפן איז ניט קיין פּלאַן. זיי וועלן אומעטום צו דיר קומען. וואָס מע דאַרף, איז אַ מיטל, וואָס זאָל זיי אַלעמען אויסראָטן!... און

דער מיטל דאַרף זיין אַ ווירקזאַמער. ווערים פאַר־מערן זיך זייער שנעל, ווען זיי האָבן אַזאַ גינסטיקע אַטמאָספערע ווי די היינטיקע ציוויליזירטע וועלט...

יאַקאָוו

איז וואו איז דער וועג?...

מערי

דער וועג איז קלאָר. מיט מיר קום!... קיין רויזן דאַרפסטו ניט דערוואַרטן. דער וועג איז פול מיט בלוט און דערנער. אָבער...

יאַקאָוו

צאָלן זיי מיט בלוט פאַר בלוט. מיט מאָרד פאַר מאָרד!...

מערי

טאָן אַזוי ווי זיי. באַנוצן זייערע אויסגעפּרוּווטע מיטלען; אָבער ניט באַגלייך מיט זיי... דער ציל איז ווייט! דאַן, ווען זיי פאַרגיסן טייכן בלוט, אום אָנצושטאָפּן זייער בויך מיט לוקסוס, מאָרדן מיר — אויב נויטיק — אום אָפּצושאַפן מאָרד אויף אייביק. ווען מיר מוזן איינריכטן די הענט

אין בלוט, — האָבן מיר אַ ליכטיקן מאָרגן פאַר
די אויגן!...

יאַקאָוו

סע איז שווער!...

מערי

יאָ, סע איז שווער... דו מוזט אַרויסרייסן פון
האַרצן, דיינעם, די גראָשנדיקע צווייפלען; אַ שפּיי
טאָן אַף דער אַלטער וועלט, מיט אַלץ און אַלעמען...
האָסט גאָרניט צו פאַרלירן. בייטסט אוים אַ קליי־
נינקע — איך־מיין־ווייב־מיין־העמד־פרייד אַף דער
פרייד פון האָפנונג אַף אַ פרייער וועלט, אַף אַ
שענער לעבן!... טויזנטער, מיליאָנען ליידנדע פאַר־
פאָלגטע, צעדריקטע, נאָר מיט אַ האָפנונג אין
האַרצן אַף אַ פרייען מאָרגן — ווערן דיינע גלייבע,
דיינע קאַמפּס־כאַווײרים!...

יאַקאָוו

דו צינדסט אַ ליכט מיר פאַר די אויגן אָן. איך
שווער: ניט רוען ביז סע וועט פון זיי קיין שפּור
ניט בלייבן!... איך וועל אַרויסרייסן פון זיך דאָס
צווייפלען!... איך וועל!... זיי נעמען זיך אַרום.
פּויזע.

מערי

סע מוז שוין זייער שפּעט זיין. איצט מוז איך גיין, מיין פליכט רופט מיך.

יאַקאָוו

איצט? אזוי שפּעט אליין? קען איך אפשר גיין מיט דיר?

מערי

ניין, איך מוז אליין. גלויבן לייגט ארויף פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט... מיין פליכט איז הייליק...

יאַקאָוו

קושט זי.

גוט, גיי!

מערי טוט זיך אָן און גייט. יאַקאָוו שפּאַצירט ארום הין־און־צוריק פארזונקען אין געדאנקען. שטיל. די טיר לינקס עפנט זיך און פאַני קומט אריין.

פאַני

אין אַ שלאָף־ראָק און א שאַל אף די פּלייצעס; אין די הענט אַ ברענענדיק ליכט.

נאָך שלאָפסטו ניט?... ס'איז שוין באַלד פיר,

סע ווערט שוין באַלד טאָגן אָנהייבן. שטעלט אַוועק דאָס ליכט און זעצט זיך אויף דער סאָפע. יאַקאָוו זעצט זיך נעבן איר. זי נעמט אַריין זיינע הענט אין אירע.
ביזט שוין לאַנג געקומען?... איך זע עפּעס! עפּעס זע איך אין דיינע אויגן אַ פייערל, וואָס איך האָב נאָך פריער קיינמאָל ניט געזען... האָט עפּעס פּאַסירט?

יאַקאָוו

פּאַסירט? — פּאַסירט האָט גאָר ניט... סע טרעפט, דו גייסט אַרום אַ לאַנגע צייט אין דער פינסטער. מיטאַמאָל דערזעסטו אַ ליכט. די פינסטערניש הייבט אָן צו צעשווימען און דו דערזעסט זאַכן פון וועלכע דו האָסט פריער קיין אָנונג ניט געהאַט.

פאַני

דערציי׳ל, איך בעט דיך, דערציי׳ל וואָס איז דאָס?

יאַקאָוו

ניין, דערציילן קען איך ניט, ס׳איז נאָך פאַר מיר אַליין אינגאַנצן ניט קלאָר. אָבער איך זע דאָס שוין... פּויזע. האָב איך דיך אויפגעוועקט מיט מיין אַרומגיין דאָ?

פאַני

ניין, טייערער. איך בין געלעגן און געשלאָפן און מיט אַמאָל, איך ווייס ניט פאַרוואָס, האָט אין מיין זיכּאָרן אויפגעלעבט אַ מייסעלע, וואָס איך האָב געלייענט מיט עטלאַכע טעג צוריק. ווילסטו הערן דאָס מייסעלע?

יאַקאָוו

דערצייל.

פאַני

טוליעט זיך צו אים.

דאָס מייסעלע דערציילט זיך אַזוי:
ערגעץ וואו איז אַ פרינץ געווען. דער פרינץ איז געווען יונג און שיין, און קיין זאַך האָט אים ניט געפעלט. נאָר פון זיין מאָמען האָט ער געיאַרשנט אַן אומרואיקע נעשאָמע און ער איז שטענדיק גע־ווען טרויעריק. איינמאָל האָט זיך דער פרינץ אַזוי פאַרבייִנקט, אַז ער האָט פאַרלאָזט זיין פּאַלאַץ און האָט זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט. לאַנג, לאַנג האָט ער אַזוי געוואַנדערט, ביז איינמאָל איז ער אַ מידער צוגעקומען צו אַ פאַלאַץ. אין יע־

נעם פּאַלאַץ האָט געוואוינט אַ יונגע פּרינצעסן, וועלכע האָט זיך באַלד זייער שטאַרק פאַרליבט אין דעם פּרינץ. דער פּרינץ אין איר האָט זיך אויך פאַר־ליבט, אָבער בלייבן אין פּאַלאַץ האָט ער ניט גע־וואָלט. זיין אומרו האָט אים געטריבן צו וואַנדערן אַלץ ווייטער. איז די פאַרטרויעדטע פּרינצעסן אוועק צו אַ קישעפמאַכערן פרעגן זי אַן אייצע, וואָס זי זאָל טאָן, ווי אַזוי זי זאָל פאַרהאַלטן דעם פּרינץ, ער זאָל ניט וועלן זי איבערלאָזן.
האָט די קישעפמאַכערן געטראַכט און געטראַכט און אַזוי געזאָגט צו דער פּרינצעסן: גיי אַהיים און שפּין אויס פאַר דיין פּרינץ אַ טרוים פון אַ צערט־לאַכער, פאַרקישעפטער וועלט, שיקער אָן דיין גע־ליבטן מיטן דופט פון דיין יונגער פאַרצערנדער ליבע, דאַן וועט דער פּרינץ פאַרגעסן זיין אומרו... אָבער זע, אַז דער געוועב זאָל זיין וואָס צאַרטער!... און אַזוי האָט די פּרינצעסן געטאָן... קושט אים לײדנשאַפטלאַך. שטיל.

יאַקאָוו

אַנשיקערן זיך מיט אַ טרוים, ווי זיס!... פּויזע. אַ?... פּרובירט זיך באַפרייען פון איר. אַנשיקערן

זיך מיט אַ טרוים?... ווידער טרוימען?... און וואָס איז געוואָרן פון מיינע פריערדיקע טרוימען? פּ־פּ־ף!... צעווייעט געוואָרן מיטן ווינט, ווי שטויב! און דעמאָלט בין איך געווען יונגער, נאַאיווער...

פאַני

ווייל אים ארומנעמען.

וואָס רעדסטו?...

יאַקאָוו

שפּרינגט אָפּ.

יאָ, אַזוי איז דאָס. איך קען ניט מער! !... כ׳וויל ניט זיין מער קיין שפּילצייג פאַר שטימונגען און טרוימען!... גענוג!... און דו? — סע טוט מיר לייד, מיט מיר גיין — ווערסטו ניט קענען...

פאַני

שטרעקט אויס די הענט צו אים.

יאַקאָוו!...

יאַקאָוו

איך קען ניט מער... איך מוז זיך באַפרייען!...

פאָרהאַנג.

פערטער אַקט

פערטער אַקט

אַ קאַנצעלאַריע־צימער. עטלעכע שרייב־טישן מיט שרייב־מאַשינען און אַנדערע מאַכשירים. בא איין שרייב־טיש זיצט אַ רויטער אַרמייער און אַרבעט. בא אַ צווייטן טיש זיצט מערי פּאַרטיפּט איבער אַ הויפן פּאַפּירן. שטיל.

מערי

איוואַנאָוו, כאָווער איוואַנאָוו, גענוג שוין געאַרבעט, גייט שלאָפן.

רויטער אַרמייער

נאָך אַ האַלבע שעה, פאַראַן נאָך עטלעכע בריוו צו ענטפערן, זייער וויכטיקע, וועל איך זיין פאַרטיק.

מערי

הייבט זיך אויף און גייט צו צו אים.

סע איז שוין שפּעט. נעכטן זענט איר אויך ווייניק געשלאָפן, — איר וועט ענדיקן מאָרגן.

רויטער אַרמייער

יאָ, איך בין טאַקע מיד. אַזוי פיל אַרבעט פאַראַן, אַזוי פיל! אַזאַ אָרימקייט אומעדום: אַף די באַנען

פעלן קוילן; קיין רויע מאַטעריאַלן זענען אין די פאַבריקן ניטאָ; אין די שפּיטאַלן פעלט גרעט, קיין ברויט איז נישטאָ; און מע דאַרף אַזוי פיל!...

מערי

ניט געזאָרגט, איוואַן, סע וועט אַלץ זיין! סע וועט אַביסל געדויערן, אָבער סע וועט זיין. דער איקער איז ניט פאַרצווייפלען. אַרבעטן, אַרבעטן און אַרבעטן! —— וועט אַלץ זיין.

רויטער אַרמייער

וואָס נאָך קען מען טאָן? דער סוינע איז צעקלאַפּט, די געפאַר איז אַריבער. איצט דאַרף מען אַרבעטן און בויען, בויען און אַרבעטן, — ביז מע וועט קומען צו זיך. איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַר אַ ליידשאַפט מיר האָבן געהאַלטן אין איין צושטערן. זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך. איצט וועלן די זעלבע הענט, וואָס האָבן צושטערט, אַלץ אויפבויען צוריק. יאָ, זאָגט מיר, איז כאַווער יאַקאָוו דאָ היינט ניט געווען? אַלץ נאָך מעסטאַמע פאַרנעמען מיטן אויפשטעלן די בריק. אַסך אַרבעט דאָרט פאַראַן.

מערי

שטיל.

מעסטאמע.

רויטער אַרמייער

אָפּט קוק איך אַף אים, אַף כאַוועך יאַקאָוון, און טראַכט: ווער נאָך אַכוץ אונדז פאַרמאָגט אַזעלכע מענטשן? איז געווען נויטיק, איז ער געווען אַ מיליטערישער קאָמאַנדיר, געגאַנגען אין שלאַכט און געפירט אַנדערע נאָך זיך; איצט, דער סוינע איז צעקלאַפּט, האָט ער אַוועקגעלייגט די שווערד און אַרבעט טאָג און נאַכט אויפצובויען דאָס כאָרעווגעוואָרענע.

מערי

איז וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו וואונדערן? מיר טוען אַלע אונדזער פליכט צו דער זאַך.

רויטער אַרמייער

דאָס איז עמעס, אָבער מיט אַזעלכע מענטשן ווי מיר האָבן, קען מען פאָרט וועלטן איבערקערן!

מערי

ניט ריכטיק. ניט איך און ניט יאַקאָוו און ניט איר

קענען איבערקערן וועלטן; נאָר מיר, מיר אַלע אינ־
איינעם קענען. יעדער איינער פון אונדז באַזונדער
איז גאָר ניט ווערט... און מיר אַלע אָן זיי, אָן דער
מאַסע, זיינען אויך גאָר ניט ווערט... מיר העלפן זיי
—ניט מער. איר האָט געזען נעכטן בא דער בריק?
פיר הונדערט מענטשן האָבן געאַרבעט: געשניטן,
געקלאַפּט טשוועקעס, געקראָכן אויף באַלקנס, איינגע־
שטעלט זייער לעבן און יאַקאָוו איז געשטאַנען אָן
א זייט און זיי געגעבן אייצעס... עמעס, יאַקאָוו איז
וויכטיק פאַר זיי, אָבער זיי זיינען דער איקער. ווען
יאַקאָוו וואָלט ניט געווען וואָלטן זיי ארויסגערוקט
עמיצן אַנדערש וואָס וואָלט אָנגעפירט מיט זיי;
אָבער ווען בא זיי וואָלט ניט געווען דער ווילן און
גלויבן, וואָלטן מיר גאָר ניט געקענט טאָן...

רויטער אַרמייער

טראַכט נאָך.

נו, איך בין מיד, איך וועל גיין שלאָפן. און איר
בלייבט היינט ווידער וואַכן?

מערי

יאָ. איך דערוואַרט וויכטיקע יעדיעס היינטיקע

נאַכט. אַכוּץ דעם ווייל איך זען יאַקאָוון, איך רעכן
אַז ער וועט נאָך עפּשער קומען.

רויטער אַרמייער

אַ גוטע נאַכט.

מערי

אַ גוטע.

רויטער ארמייער גייט ארויס.

מערי

קלינגט אפּן טעלעפאָן.

פאַרבינדט מיך מיט דעם הויפט פון דער וואַך !...
כאַווער קאָמאַנדיר ? איר קענט עפּשער אריינקומען
אַף אַ פּאָר מינוט ? גוט. טאָ קומט באַלד.

זי פארטיפט זיך אין דער ארבעט.

אַ קלאַפּ אין טיר און סע קומט אריין דער קאָמאַנדיר.

קאָמאַנדיר

גוטן אָוונט, כאַווערטע מערי !

מערי

גוטן אָוונט. נו, וואָס הערט זיך ?

קאָמאַנדיר

וואָס סע הערט זיך? אָט, צו אַלדי גוטע יאָר, אַן אָנשיקעניש, גנייוועס און גנייוועס!...

מערי

וואָס איז, וואָס איז שוין ווייטער?

קאָמאַנדיר

צו אַלדי גוטע יאָר! מען קען גאָר פון זיי ניט פּאָטער ווערן! אָט ווי מייז זיך אָנגעזעצט און שלעפּן און שלעפּן!... כאַפּסט איינע — קומען צען אַנדערע, צו אַלדי גוטע יאָר!... האַלסט דאכט זיך ביידע אויגן אָפן און קוקסט, און דאָ גאַנוועט מען בא דיר אונטערן סאַמע נאָז, צו אַלדי גוטע יאָר!...

מערי

יאַ, מע דאַרף האַלטן ביידע אויגן אָפן. פאַראַן גע־נוג מייז, ווי איר רופט זיי, וואָס וואַרטן נאָר מע זאָל פון זיי די אויגן אַראָפּנעמען.

קאָמאַנדיר

וואַרטן, צו אַלדי גוטע יאָר! זיי וועלן זיך בא מיר דערוואַרטן! איך וועל אַזוי צולייגן די שנירעלאַך און פּעטליעס, אַז זיי וועלן בא מיר קראַפּירן, צו

אַלדי גוטע יאָר! נעכטן האָבן זיי אַ האַלבן אַר־סענאַל אַרויסגעטראָגן. און איך האָב אַ פאַרדאַכט, איך האָב אַ פאַרדאַכט!... כ'וועל זיך היינט אַליין שטעלן אויף דער וואַך, וועלן מיר זען ווי אַזוי זיי וועלן טראָגן! צו אַלדי גוטע יאָר!...

מערי

איר האָט שוין צושטעלט די נאַכט־וואַך?...

דער זייגער אויפן וואַנט קלינגט אויס צען.

קאָמאַנדיר

איך גיי דאָס גלייך טאָן. און באַשטראָפן וועלן מיר! — אומבעראַכמאַנעסדיק. אומבעראַכמאָנעס־דיק וועלן מיר זיין! צו אַלדי גוטע יאָר!

מערי

אומבעראַכמאָנעסדיק. מענטשן וואָס צושטערן די ווירטשאַפט דאַרפן באַשטראָפט ווערן אומבעראַכ־מאָנעסדיק!

קאָמאַנדיר

גוט, איך גיי. ע־ע־ע־ה, ווער וועט דאָ היינט וואַכן?

מערי

איך.

קאָמאַנדיר

ווידער איר? נו זאָל שוין זיין!

מערי

וואָס האָט איר געוואָלט זאָגן?

קאָמאַנדיר

וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן? צו אַלדי גוטע יאָר, איך בין שוין פיר נעכט ניט געשלאָפן, האָב איך זיך געוואָלט צולייגן אַביסל, ביז אַ זייגער צוועלף. קענט איר מיר אָנקלינגען אַפן טעלעפאָן און מיך אויפוועקן פונקט צוועלף? — וועל איך דעמאָלט גיין זיך שטעלן אַפן פּאָסט.

מערי

באַשטימט. זיכער. גייט, איך וועל אייך אויפוועקן.

קאָמאַנדיר

נו, אַ גוטע נאַכט.

מערי

וואַרט, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? — שטעלט אוועק א פארצווייפאכטע וואך בא דער בריק.

קאָמאַנדיר

באם בריק?

מערי

באם בריק.

קאָמאַנדיר

פארוואָס?

מערי

אזוי. און זאָגט זיי אָן, ק י י נ ע ם צום בריק ניט צולאָזן. ק י י נ ע ם.

קאָמאַנדיר

גוט. צו אַלדי שווארצע יאָר! פארגעסט זשע מיך ניט אויפוועקן.

גייט אַרויס.

מערי

פארטראכט זיך. נעמט זיך ווידער צו דער ארבעט.

יאַקאָוו קומט אריין.

יאַקאָוו

טראָגט סאָלדאַטסקע קליידער. ער איז שטאַרק אָפּגעלאָזן.

גוטן אָוונט.

מערי

קוקט ניט אַף אים.

גוטן אָוונט!

יאַקאָוו

זעצט זיך באַ אַ שרייב־טיש. קוקט זיך ארום וואָס סע טוט זיך אַף אים; הייבט זיך אויף — באטראכט דעם צימער. זיינע אויגן בלייבן שטיין אַף מערין. ער שאָקלט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זי באַוואונדערט.

דו ארבעטסט היינט ווידער באַנאַכט? ביזט גאָר ניט מיד?...

מערי

ניין. איך בין קיינמאָל ניט מיד.

יאַקאָוו

ניט מיד...

מערי

ווי גייט דאָס דיר מיט דער בריק, וועט שוין באַלד פארטיק זיין?

יאַקאָוו

ווי עס גייט? — עס גייט... די בריק, די בריק!
אַזאַ ריזיקע בריק און הענגט אַף אַ פּאָר דראָטן...
גיסט אַ קוק: אַ מעכטיקע, ריזיקע, שטאָלענע נעץ
פאַרוואָרפן פון איין באַרג צום צווייטן; וועט דאַרפן
אויסהאַלטן טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פודן
און — הענגט אַף אַ פּאָר דראָטן...

מערי

פילבאַדייטנד.

יאָ!... דו ביזט דאָ היינט אַ גאַנצן טאָג ניט געווען?

יאַקאָוו

ניט געווען!...

מערי

און באַם בריק ביזטו אויך ניט געווען. די אינזשע-נערן האָבן געהאַלטן אין איין קלינגען און זיך נאָכ-פרעגן אַף דיר און מע האָט דיך אין ערגעץ ניט געקענט געפינען. הייבט זיך אויף און קומט צו נע-ענטער צו אים. שטרייננג. וואָס מיינט דאָס?...

יאַקאָוו

קוקט ניט אַף איר.

דאָס מיינט גאָר ניט... שטאַרקער. איך גיי ניט מער אהין צום בריק, איך גיי ניט מער!...

פויזע.

מערי

איינגעהאַלטן.
יאַקאָוו!...

יאַקאָוו

דו ביזט געווען באַם בריק? האָסט געזען? מע האָט גענומען אַ ריזיקע מאַסע, אַן אומבאַגרייפבאַרע נעץ פון שטאָלענע שטאַנגען און מע האָט זיי אויפֿגעהאַנגען אויף אַ פּאָר דראָטן. און די דראָטן האַלטן מער ניט אויס, זיי ברעכן זיך! מע האָט אַף מיר צופיל אָנגעלעגט... כ׳וויל ניט, כ׳קען ניט טראָגן אזוי פיל!

מערי

ווייך און פאַרטראַכט, ווי צו זיך.
דו קענסט ניט! דו קענסט ניט! מעסטאַמע קענסטו ניט!

יאַקאָוו

געריִרט.

כ׳קען ניט!... איך האָב געפּרואווט טראָגן אזוי־פיל, וויפיל די קויכעס האָבן דערלויבט, אָבער,—ניט פאַר מיר!... איך בין ניט געבוירן געוואָרן פאַר דעם. איך האָב צוויי יאָר געקעמפט, געליטן, מילכאָמע געהאַלטן, פּרובירט ווערן אַן אַנדערער; זיך געזוכט צו געפינען אין קאַמף פאַר דעם, וואָס איר רופט אָן, „די זאַך״; איך בין געגאַנגען אין שלאַכט, געאַר־בעט באַטאָג און באַנאַכט, קאָמאַנדירט, געפירט, — איצט איז אַלץ געענדיקט... מיר האָבן צעשטערט, אָבער ניט כאָרעוו געמאַכט! ניט אַלץ איז פאַר־ניכטעט, סע איז נאָך געבליבן געגנוג פונם אַלטן... דער מענטש, דער מענטש האָט זיך ניט איבער־געביטן, ער איז געבליבן דער זעלבער! באַ אייך אַלעמען איז איצט אויף די ליפּן דאָס וואָרט „בויען״, בויען וואָס? צוליב וועמען?... פאַר וועמען?

מערי

וועסט דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטיין. די גאַנצע צאָרע מיט דיר, איז וואָס דו האָסט געדאַרפט פאַר־געסן; האָסט געפירט מילכאָמע פאַר זיך — „זיך״ צו געפינען, „זיך״ צו באַפרייען און, — האָסט זיך

ניט באַפרייט. סע טרעפט, אַז מע באַפרייט זיך, אָבער... יאָ, סע איז שווער זיך צו באַפרייען פון דעם וואָס מע האָט איינגעזאַפּט אין זיך יאָרן לאַנג!...

יאַקאָוו

נו, ווי באַפרייט מען זיך? נו, זאָג, ווי באַפרייט מען זיך?... געדיינקסט מיט צוויי יאָר צוריק? — איך האָב געהאַלטן באַם אונטערגיין און איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב געוואָלט לעבן, איך האָב געוואָלט זיין גליקלאַך... אין דיר, האָט זיך מיר געדאַכט, האָב איך דאָס געפונען, אין דעם פייער וואָס האָט געשטראָמט פון דיר, אין דער פרייד מיט וועלכער איר האָט זיך מאַפקער געווען... צוויי יאָר זיינען אוועק. און וואָס איצט?... גאָר ניט. אַ פּוסטקייט, — פּוסט. בריקן בוי איך, איך בוי בריקן. היסטעריש, כאַ־כאַ־כאַ!

מערי

מאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט וועלן צוגיין צו אים, אים צערטלען, נאָר זי האַלט זיך צוריק. פּויזע.

זאָל זיין גענוג נאַריש געמאַכט זיך. דו ביזט מיד,

ביזט צופיל איבערגעאַרבעט, גיי לייג זיך שלאָפן. רו זיך אויס... גיב אַ קוק, אָט ליגט אַ פּעקל בריף, פון יעדן בריף רעדט צו דיר אַ מענטש, אָפט עט־לאַכע צענדליק מענטשן. הער זיך צו צו זייער לעבן, צו זייער כווישעבדיק, פאַרמוטשעטן אָרעמען לעבן. וויפיל טרערן, וויפיל אָרימקייט!... דו זאָגסט, „דו", נו און „זיי"? וואָס איז וועגן זיי? אַ גאַנץ לאַנד ליגט צעשטערט און וואַרט, וואַרט אויף דיר, אויף מיר, אויף אונדז אַלעמען! מע קען דאַכט זיך הערן ווי די ערד, דער באָדן קרעכצט, וואַרט מען זאָל קומען און איהם פאַרזייען! אַלץ וויל שאַפן, אַלץ וויל צוגרייטן פאַר מאָרגן!...

יאַקאַוו

פאַרן מאָרגן?... ניין, דער מאָרגן איז ניט מיינער. מיר קען דער מאָרגן גאָר ניט ברייגנגען. דער מאָרגן געהערט צו אַנדערע, צו גאַנצע, — צו דיר, עפשער, אָבער ניט צו מיר. איך, און די אַלע פון מיין גלייכן זיינען נאָר די בריק, די פאַפירענע בריק, איבער וועלכער מע גייט אַריבער צום מאָרגן און וועלכע מע דאַרף צוואַוואַרפן אַזוי גלייך ווי מע גייט

נאָר אריבער איבער איר. דו פארשטייסט?—מיין בריק איז נאָר אַ פּאַפּירענע בריק און דעריבער דאַרף זי איינפאַלן אינאיינעם מיט מיר... איך האָב געהאָלפן צושטערן די אַלטע וועלט און איך דאַרף פארשאָטן ווערן מיט אירע כורוועס! די בריק! די בריק טאָר ניט בלייבן!...

מערי

יאַקאָוו!...

יאַקאָוו

יאַ, די בריק טאָר ניט בלייבן הייננען. די שטריק וועלן סיי־ווי ניט אויסהאַלטן!...

לאָזט זיך צו דער טיר.

מערי

יאַקאָוו, יאַקאָוו! דו וועסט עס ניט טאָן! דו וועסט עס ניט טאָן!... די בריק געהערט צום פאָלק!

יאַקאָוו

איך וועל!

לויפט אַרויס.

מערי
דו וועסט עס ניט!...
לויפט אַרויס נאָך אים. אַ פּאָר מינוט איז שטיל, די בינע איז ליידיק. מערי קערט זיך אום צוריק מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. זי איז בלייך און וואַקלט זיך, קוים וואָס זי גייט. זי בלייבט שטיין אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, ניט ווייט פון דער טיר, ווי פאַרגליווערט. דער זייגער קלינגט צוועלף. זי גיט אַ ציטער. מיט גרויס אָנשטריינגונג גייט זי צו צום טעלעפאָן און קלינגט.
קאָמאַנדיר? סע איז צייט צו בייטן די וואַך!...

פאָרהאַנג.